און יעצט, וויבאלד ס'איז דא אזא מצוה, זאגט די גמרא, ברענגט ער אן א הלכה, **ואף על פי שהניחו לו אבותיו ספר תורה, מצוה לכתוב משלו.** ווייל א מענטש האט שוין גע'ירש'נט א ספר תורה, ער האט שוין א ספר תורה לעצמו, אבער ער האט אבער נישט מקיים געווען קיין לכתוב לעצמו. די ווארט איז ער זאל טון א פעולה, ער זאל שרייבן לעצמו. ווייל ס'איז מצוה לכתוב משלו, דארף ער אליין שרייבן א ספר תורה.

אפשר האט עס צוטון מיט דעם וואס שטייט גלייך נאכדעם, "ולמדה את בני ישראל". כתיבה איז דאך אזא ענין פון, ווען א מענטש שרייבט, איז פשט אז ער... ווען א מענטש שרייבט א ספר תורה איז עס א גאנץ אנדערע זאך ווי אז איינער שרייבט פאר אים. ס'איז אן ענין פון לימוד אזוי ווי, ס'איז אן ענין פון זיין א חלק פון די תורה. ער ווערט א חלק פון די תורה, ער ווערט אסאך מער.

**"כאילו קיבלה מהר סיני"**

אבער דא זאגט ער **"כאילו קיבלה מהר סיני"**. ווען מ'קויפט עס פון יהודה, קען זיין "הרי כאילו קיבלה מהר סיני". ס'איז צוויי לעוועלס. לאמיר פארשטיין קלאר. ס'איז דא א מצוה נישט נאר צו האבן א ספר תורה, נאר צו שרייבן דיין אייגענע ספר תורה. זאלסט האבן דיין אייגענע תורה. דאס מיינט נאכנישט אז מ'דארף עס שרייבן מיט די אייגענע הענט. דאס קען מען יוצא זיין אויך ווען א צווייטער שרייבט.

אויב דו, ס'איז דא צוויי תנאים, אויב שרייבט ער עס מיט זיין האנט, איז עס א ממש'דיגע גרויסע מעלה "כאילו קיבלה מהר סיני". אויב איינער ווייסט נישט וויאזוי צו שרייבן, און ער קויפט עס, איז ער אויך יוצא, א צווייטער שרייבט פאר אים, ער איז יוצא די מצוה פון "לכתוב משלו". ער האט נישט די מעלה פון "כאילו קיבלה מהר סיני".

איך מיין אז "כאילו קיבלה מהר סיני" מיינט אז שרייבן אליין א ספר תורה איז א מורא'דיגע שטארקע זאך, באמת. ס'איז אזוויי, ס'איז א סארט לימוד, ס'איז שטערקער ווי לימוד. ער האט זיך אנגעשטרענגט און געשריבן די גאנצע תורה, און יעצט ליינט ער עס. און ס'איז דאך אויך פשוט אז לכאורה דער סופר איז נאכדעם דער בעל קורא. ס'איז א מין סארט חיבור.

פארוואס איז "כתבו לכם את השירה הזאת" "ולמדה את בני ישראל"? און מיט דיין לעכטיגע תורה איז ער נישט יוצא, ס'איז דא נאך א ספר תורה, אבער ער איז נישט יוצא געווען די "קהל קבלוה מסיני". דאס איז נישט נוגע דא אריין קיין בעל קורא. די ספר תורה וואס מ'שרייבט איז נישט אז מ'זאל לערנען דערמיט, נישט אז מ'זאל עס לייגן אין שול און איינער זאל ליינען דערמיט.

### הלכות ספר תורה: מצות כתיבת ספר תורה — ביד עצמו לעומת ע"י אחר, ושיטת הרא"ש

**הלכה ב: כתיבה ביד עצמו לעומת כתיבה ע"י אחר**

דאס מיינט נאכנישט אז דו דארפסט שרייבן מיט דיין אייגענע הענט. דאס מיינט, דו קענסט יוצא זיין אויך ווען א צווייטער שרייבט. אויב, יא, דא איז דא צוויי זאכן.

**אויב שרייבסטו עס מיט דיין האנט, איז עס א ממש'דיגע גרויסע מעלה כאילו קיבלה מהר סיני. אויב איינער איז אים דא ליכתוב, ואם אין**

**כותבה אין לו, איז ער אויך יוצא אז א צווייטער שרייבט פאר אים. ער איז יוצא די מצוה פון ליכתוב משלו.**

**צוויי מדרגות אין דער מצוה: כאילו קיבלה מהר סיני לעומת ליכתוב משלו**

ער איז נישט יוצא די מצוה פון... ער האט נישט די מעלה פון ביודעי. ער האט נישט די מעלה פון כאילו קיבלה מהר סיני. איך מיין אז כאילו קיבלה מהר סיני מיינט אז ער... שרייבן אליין א ספר תורה איז א מורא'דיגע שטארקע זאך, באמת. דאס איז א סארט לימוד, ס'איז שטערקער ווי לימוד. ער האט זיך אנגעשטרענגט און געשריבן די גאנצע תורה, און יעצט ליינט ער עס.

און ס'זעט דאך אויך אויס פשוט אז לכאורה דער סופר איז נאכדעם דער בעל קורא. ס'איז א מין... ס'איז א חילוק. פארוואס? **"כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה את בני ישראל".** ווען איינער האט אים דא ליכתוב, איז ער נאך נישט יוצא. ס'איז דא נאך א ספר תורה. אבער ער איז נישט יוצא געווען די כאילו קיבלה מהר סיני.

דאס קומט נישט דא אריין קיין בעל קורא. די ספר תורה וואס מ'שרייבט איז כדי מ'זאל לערנען דערמיט, נישט כדי מ'זאל עס לייגן אין שול און ליינען אין שבת. מ'זאל לערנען דערמיט. די מצות קריאת התורה. גראדע, כותב ביודעי, אין ללמוד ממנו.

**פשט אין "כאילו קיבלה מהר סיני" (לויט רש"י)**

אבער רש"י, די כאילו קיבלה איז פשוט, ווייל פארוואס האט מען מקבל געווען מסיני? מ'האט דאך געשריבן די תורה, געמאכט די תורה. ער מאכט אויך א תורה. ס'איז א כלי, ער שרייבט איבער די תורה וואס שטייט דא. ער איז עוסק אין מאכן די תורה. ס'איז א גאנץ אנדערע לעוועל.

**דער ענין פון "ליכתוב משלו" — ווייל א תורה ווערט אלט**

אבער אויך די מצוה פון ליכתוב משלו, מיין ברידער האט מיר געזאגט נעכטן אז ער מיינט אז די מצוה פון ליכתוב משלו איז פשוט ווייל די תורה ווערט אלט. אן אלטע תורה ווערט שוין אביסל בלה. מ'האט מיר געזאגט נעכטן אז א ספר תורה איז שוין בלה, ווערט שוין אלט און נישט שיין. ס'איז גוט אז ס'זאל זיין א נייע.

שטעל דיר פאר מ'לערנט אין די... א תפילין קען זיין שלא כסדרן, זייער גוט. תפילין קען זיין שלא כסדרן, פארוואס? אבי אמא, יא? ווייל ס'איז נישט קיין חילוק, מ'דארף עס האבן. א תורה אבער, מ'נוצט עס, ס'ווערט אויסגעריבן, ס'איז נישט שיין צו האבן די זעלבע תורה.

**צוויי מצוות קאמביינד**

ס'איז אינטערעסאנט, מ'קען אפשר זאגן אז ס'איז דא צוויי מצוות קאמביינד. ס'איז דא א מצוה אז יעדער איד זאל דורכגיין די כאילו קיבלה מהר סיני, ער זאל שרייבן א ספר תורה, און ער זאל עס לערנען. ס'איז א מצוה אויף א איד, ס'איז א מין איד וואס שרייבט א ספר תורה. קוק אן נעם א איד פון די גאס, ער קען נישט שרייבן א ספר תורה יעצט. א איד זאל קענען שרייבן א ספר תורה איז א געוואלדיגע גרויסע זאך.

און נאכדעם איז דא אן אנדערע זאך, אז ס'זאל זיין ווי מער ספר תורות. דאס איז דאך אן ענין אז... ס'איז אזוויי א מצוה פאר דעם וואס איז א בעל יכולת צו שרייבן א תורה, און אויב נישט, לכל הפחות זאל מען יוצא זיין די ענין אז ס'זאל זיין גענוג ספרים אין די סיסטעם.

**Speaker 2:** מ'דארף נישט האבן גענוג ספרים? מ'דארף נישט האבן גענוג ספרים?

**Speaker 1:** ניין, דו דארפסט נישט האבן גענוג ספרים. דו דארפסט נישט אימעדזשינען די תורה אז דאס איז א זאך וואס ליגט אין שול וואס דו טורעסט. דו דארפסט פארשטיין אז אויב דעם שפעטער, אויב מ'טרענט און מ'לערנט די ראש, וועט מען זען אז די מצוה פון כתיבת ספר תורה רעדט נישט פון יענץ.

ער רעדט אימעדזשין אז מ'האט נישט קיין ספר. שטעל דיר פאר, מ'קען עס יוצא זיין, ס'שטייט דאך אז מ'קען עס יוצא זיין מיט קויפן א חומש. דו לערנסט דאך קיינמאל נישט. די מצוה איז אז דו זאלסט האבן א תורה. אוודאי זאלסטו אליינס לערנען דערמיט. און די חילוק פון יורש זיין, די מעלה פון כותבה מעצמו איז נאר לכאורה א מעלה אין דעם אז דו זאלסט האבן דיין אייגענע געמאכט.

**פשט אין "מגיה בספר תורה אפילו אות אחת — כאילו כתבו כולו"**

און לויט דעם קען מען פארשטיין אויך וואס ס'שטייט די נעקסטע הלכה, יא, **"וכל המגיה בספר תורה אפילו אות אחת הרי כאילו כתבו כולו."** ווייל וואס דארפסטו האבן אן אייגענע תורה? ס'איז נישט קיין עבירה צו האבן א געי'רש'נטע תורה אדער א געקויפטע תורה. ס'איז נאר אפשר שוין אלט, איז שוין נישט... אויב דו ביסט מגיה, אפשר דו פרישסט איבער די תורה, דו מאכסט זיכער אז ס'איז גוט געמאכט, איז עס אויך "כאילו כתבו כולו", כאילו דו האסט עס געמאכט אליינס די גאנצע זאך. ווייל די עיקר איז אז ס'זאל זיין, ס'איז נישט קיין מצוה פון די ארבעט פון שרייבן. די מצוה איז אז ס'זאל זיין א נייע תורה געשריבן פאר דיר. אויב דו האסט אליינס מגיה געווען, איז עס אויך גוט.

**Speaker 2:** מאכט סענס?

**Speaker 1:** יא.

**דיסקוסיע: דער מנהג פון שרייבן אן אות ביי א סיום ספר תורה**

איך מיין אז די מענטשן וואס פירן זיך צו שרייבן ביי די סיום ספר תורה, מ'מאכט א... מ'איז מגיה, מ'איז מכבד צו זיין מגיה א אות אחת, איך ווייס נישט אויב ס'מיינט יענץ. דאס איז סתם א חיבת מצוה.

**Speaker 2:** אבער דאס איז וואס מ'טוט, ווייל ער האט זיך גענומען א חרם "לכתוב לו", און נאכדעם טוט ער נאך דעם מגיה בספר תורה.

**Speaker 1:** יא, אבער דאס איז א ביסל אנדערש.

**Speaker 2:** אבער דאס איז סתם מענטשן ארום שרייבן אויך א אות, און מיט דעם ווערט עס זייערס. דאס איז טאקע שוין אביסל אינטערעסאנט. און לעצטנס ווערט אזוויי א שותפות. טאקע דאס איז די ענין, ווען אפאר מענטשן שרייבן צוזאמען א ספר תורה, וויל מען יעדער איינער זאל קענען זיין א מגיה. ווייל איינמאל מ'הייבט שוין אן, וויל מען יעדן מכבד זיין און נישט פארנעמען. אבער אפילו די מגיה, לויט וואס איך לערן, מגיה איז נישט פשט אז דו דארפסט... ס'איז דא אויך אן ענין פון מצותינו בשליחותינו, איך זאג נישט אז ס'איז נישטא קיין ענין. ס'איז דא א חיבת מצוה. אבער ס'איז מער מגיה מיינט אז דו האסט געטראפן א מיסטעיק, אדער עפעס א אות איז געווען צובראכן.

**Speaker 1:** מגיה מיינט ער צוגעלייגט נאך א ספר תורה צו יוזן, צו זען.

**Speaker 2:** יא, ער האט עס אפגעהיטן. ער האט געמאכט א גוטן תורה. און דעמאלטס, אויב ער האט עס געמאכט לכתחילה, ער האט געשריבן א תורה און ס'פעלט א אות, וואטעווער, און ער פילט עס איין, אקעי, דאס איז שוין א... איך מיין אז דאס איז סתם א הידור מצוה, אז דאס איז נישט ממש די זאך.

**שיטת הרא"ש: כתיבת ספר תורה בזמן הזה**

דאס איז די מצוה צו שרייבן א תורה. און מ'דארף וויסן אז אין שולחן ערוך שטייט, ער ברענגט די ראש... יא, ער ברענגט נישט די רא"ש דא פון אונטן? עס איז דאך נאר געשטאנען אז בזמן הזה. עס איז דאך געשטאנען די רא"ש.

**יסוד דער רא"ש: די מצוה איז צום לערנען, נישט צום ליינען אין שול**

די רא"ש וואס זאגט אז די מצוה פון שרייבן א ספר תורה, די מצוה איז נאר געווען בזמנם וואס מ'פלעגט לערנען פון די תורה. היינט אז מ'נוצט נישט די תורה צו לערנען, ס'איז נאר צו תקנת חכמים פון קריאת התורה, כדי מ'זאל יוצא זיין, נישט נאר מקד, דאס איז די רא"ש אויף ספר תורה, מ'איז יוצא, מ'איז מחויב מ'זאל קויפן חומשים, משניות, גמרות, ווייל די תכלית המצוה איז נישט צו ליינען פאר'ן עולם, דאס איז נישט קיין שום מצוה.

אין אנדערע ווערטער, מ'דארף זאגן פאר די גבירים, מ'זאגט אז היינט איז דא אזא מנהג, ווען א מענטש ווערט א געוויסע עידזש און ער האט נישט וואס צו

טון מיט זיין איבריגע געלט, קויפט ער א ספר תורה און ער מאכט א הכנסת ספר תורה, און מ'זאגט דרשות אז ס'איז א גרויסע מצוה. קען זיין אז ס'איז א מצוה, לויט די אנדערע, די רמב"ם זעט אויס אז ס'איז א מצוה, אבער די רא"ש זאגט אז דאס איז נישט די עיקר, ווייל די עיקר, ס'איז דא גענוג תורות אין שול, יעדער איינער האט גענוג תורות צו יוצא זיין די מצוה פון קריאת התורה געוועגליך. די עיקר מצוה איז אז ס'זאל זיין ספרים וואס מענטשן זאלן לערנען.

איינער איז מנדב די לייברערי אין בית המדרש, אדער ער קויפט ספרים אפילו פאר זיך אליין אין דערהיים, דורך הגהה, אז מ'צאלט מיט דיינע, ס'איז א מצוה צו קויפן ספרים.

**דיגרעסיע: ספאנסארן שיעורים ווי קיום פון כתיבת ספר תורה**

איך מאך דא א פסק הלכה, אז אויב איינער איז מנדב אונזער שיעור, איז ער מקיים די מצוה פון כתיבת ספר תורה, ווייל היינטיגע צייטן איז דא א מין מציאות פון שרייבן די תורה דורך רעקארדן די גאנצע תורה אז מענטשן זאלן עס קענען לערנען. און נישט נאר דאס, נאר איך מיין די טשענסעס זענען אז מער מענטשן גייען לערנען כל התורה כולה, תורה שבכתב תורה שבעל פה, דורך אונזער הייליגע מוסד, דורך אונזערע שיעורים, דורך הרב הגאון רבי יצחק, מיין חשוב'ע שותף.

ממילא, אויב איינער איז מנדב א שיעור דא, און כל שכן אויב איינער איז מנדב די גאנצע סיריעס, איך ווייס, וויפיל קאסט צו שרייבן א ספר תורה און מאכן א הכנסת ספר תורה? צוויי הונדערט טויזנט דאלער? יא. אבער פאר דעם קען מען קויפן א גאנצע ספר פון די רמב"ם, יא, איינער פון די ספרים, מדע אדער אהבה, א גרעסערע ספר. און מ'קען אויך מאכן אן עקסטערע הכנסת ספר תורה, יענער קען קומען, מ'קען ארויפלייגן א קרוין אויף יענע ספר פון די רמב"ם. אויף די אלע ווידעאוס, וויאזוי ברענגט מען די ווידעאוס? יא, קענסט צולייגן זייער שיינע גרעפיקס, א קרוין. מ'וועט זען אין די פרק אז גרעפיקס איז זייער וויכטיג. מ'זאגט פונקט ווי מ'זאל שרייבן די ספר תורה, די טייפאגרעפיקס.

זאגט די רא"ש ווייטער. אויב איינער וויל צאלן דעם אמאונט וואס קאסט א הכנסת ספר תורה, וועט מען אים מאכן א פאראד אויך. יא, און מ'קען אויך קויפן יריעות און אזוי ווייטער, און עמודים. אה, ס'איז א ספעציעלע זאך.

**דיסקוסיע: דער רא"ש מיינט עס ממש למעשה**

אבער ס'איז אינטערעסאנט. ניין, ס'איז דאך נישט נאר דאס, ווייל דער רב שרייבער האט געמאכט א מצוה, איינע פון זיינע מצוות איז געווען "בייס מלי ספרים", מ'זאל קויפן ספרים. מענטשן לאכן אביסל פון דעם, ווער קויפט א ספר און לערנט עס נישט. אבער למעשה, אז א מענטש קויפט ספרים, אפילו ער קויפט טיפע ספרים וואס ער לערנט נישט, ס'קומט איינער, אלעמאל מ'לערנט העלפט, מ'לערנט אביסל מער.

ס'איז א אינטערעסאנטע זאך, ווייל דו קוקסט וואס דו זעסט וואס דא געשעט, אז ס'איז דא א מצווה פון שרייבן א ספר תורה, און פון דעם ווערט א גרעסערע מצווה פון הפצת התורה בכל דור ודור לויט די מציאות. קיינער זאגט נישט אזוי לגבי מזוזות אדער תפילין.

**דער רא"ש וואלט נישט אויסגעמעקט ספרי תורה**

ס'איז אינטערעסאנט, דער רא"ש איז זייער אינטערעסאנט. דער רא"ש מיינט נישט צו זאגן אז מ'זאל אויפהערן... וועון דער רא"ש טראכט וועון אז יעדער איינער גייט אים פאלגן, וואלט ער עס נישט געזאגט, ווייל דעמאלטס וואלט מען מער נישט געשריבן קיין ספר תורות נאך אפאר דורות. נאר ער האט געמיינט צו זאגן אז ס'זאל זיין גענוג ספר תורות, אבער דאך דארף יעדע שול האבן א ספר תורה. דער רא"ש זאגט נישט אז דאס גייט ריפלעיסן די גאנצע ספר תורה זאך בכלל.

**דער רא"ש'ס שיטה איז קלאר און נישט קיין חסידישע תורה**

דער סאונד פון דער רא"ש איז אביסל קלארער, מ'דארף זאגן מ'דארף גיין קוקן אינעווייניג, אבער איינער וויל לערנען בעיון, און איך האב געזען רבי חיים מאיר איז זייער ברוגז אויף דער רא"ש, ער האט דעם פראבלעם. ס'סאונדט זייער קלאר פון דער רא"ש, אז דער רא"ש זאגט נישט קיין חסידישע תורה אז מיט דעם איז מען אויך מקיים דעם ענין. דער רא"ש סאונדט ווי ער זאגט אז וויבאלד דער גדר פון די מצווה איז נישט סתם זאל זיין תורה, נאר דער גדר איז צו לערנען, איז מען נישט יוצא ווען מ'מאכט א הכנסת ספר תורה, מ'איז נאר יוצא ווען מ'קויפט א גמרא פאר די ישיבה.

**דיסקוסיע: חילוק צווישן תקנת קריאת התורה און מצות כתיבת ספר תורה**

סא דער רא"ש, ווען איינער קומט זאגן פאר דער רא"ש, ווען איך קום זאגן "אדוני הראש", מאך צו דיינע אויגן, דער רא"ש איז געווען דער רב וואו? אין וועלכע שטאט? טאלעדא, נו? טאלעדא. ס'איז דא דארטן אפאר הונדערט טויזנט אידן. אויב דער רא"ש לעבט ביז הונדערט און צען, אזוויוי היינטיגע גדולים לעבן, יא, און דו האסט טויזנטער תלמידים, און וועוענטועלי איז דא הונדערטער בתי מדרשים וואו שבת אינדערפרי ביים ליינען, אנשטאט ארויסנעמען א ספר תורה, נעמט מען ארויס א גרויסע טאר מיט א רא"ש, און מ'לערנט די אלע ספרים. מ'מאכט א סדר, ווייל דאס איז זייער חשוב, מ'קען מאכן ברכת התורה. ער וואלט דאס נישט געזאגט. דער רא"ש וואלט זייער געוואקט אין זייער...

דער ראש זאגט אז ס'איז דאך דא גענוג. ניין, ער זאגט נישט דאס, ער זאגט נישט אז ס'איז דא גענוג, ער זאגט מ'איז נישט יוצא מיט די תכלית התורה און לייגן אין ארון הקודש. מ'איז נישט יוצא מצוות כתיבת ספר תורה. דער מענטש, קיינער. ס'איז דא א שטעטל, מ'האט צען רבנים, און יעדער רב האט א ספר תורה, איינער האט געקויפט א ספר תורה, איינער האט געקויפט א תורה, איינער האט געקויפט א תורה. ניין, ניין, ניין, נאכאמאל, אוודאי, ניין, נאכאמאל.

ס'איז דא א תקנה פון קריאת התורה, וואס לאמיר זאגן, איך ווייס נישט צו ס'איז געקומען די הלכה, לאמיר זאגן אז ס'איז געווען א תקנה אז מ'דארף האבן אן ארון הקודש א ספר תורה, איז נישט קיין פראבלעם. כדי צו מקבל זיין יענע תקנה, דארף יעדער שול, דער רב האט עס אנגעזאגט צום פריערדיגן זונטאג פרשת כנסת, יעדער שול דארף קויפן א תורה, נאו פראבלעם. אבער דאס איז נישט די מצוה פון כתיבת ספר תורה. יעצט איז אן אנדערע מצוה מיט די רבנים צו ליינען קריאת התורה. די מצוה פון כתיבת ספר תורה איז דאס וואס מ'לערנט, פון וואס מ'לערנט.

**אין דער רא"ש'ס צייט האט מען נאך געשריבן (נישט געדרוקט)**

מ'לערנט פון א חומש אדער פון א... אין די ראש'ס צייטן איז נאך געווען שרייבן, איך וויל דו זאלסט געדענקען, ער טראכט ממש פון שרייבן. פון דרוקן איז שוין נאך א לעוועל. אבער די ראש, יא, די ראש איז נאך נישט געווען קיין דרוק, מ'האט געשריבן, א סופר האט געשריבן א גמרא וכו', ס'איז נישט געווען אזוי אנדערש. דאס הייסט, ביי אונז קוקט עס אויס זייער אנדערש, וואס איז אנדערש? אין זיינע צייטן האט מען גענומען א סופר און געשריבן א גמרא.

**דער רא"ש וואלט געשריבן הלכות ספר תורה אונטער הלכות תלמוד תורה**

אקעי, זייער אינטערעסאנט. איך וואלט געזאגט אז לויט די ראש, הלכות ספר תורה, וועון די ראש וואלט געמאכט דעם ספר, וואלט ער עס געשריבן פאר הלכות תלמוד תורה. ער שרייבט עס טאקע, הלכות ספר תורה. ס'איז דא הלכות ספר תורה להרא"ש, און די ערשטע סימן שטייט עס. ס'איז פאר הלכות תלמוד תורה אזוי ווי? ס'איז אן הקדמה צו הלכות תלמוד תורה? ניין, ער האט פארשטאנען אז די מצות כתיבה איז נישט קיין גזירת הכתוב וואס ס'איז דא א ספר תורה אויף די וועלט, ס'איז א מצוה כדי מ'זאל לערנען דערפון, און ס'מאכט אסאך סענס וואס ער זאגט.

**דיסקוסיע: דער רא"ש'ס שיטה און די מציאות**

ס'איז אין ראש, אין הלכות, אין די בעק פון די גמרא איז געדרוקט הלכות ספר תורה להרא"ש. חומש, משניות, גמרא, שו"ע, פירוש המשניות, לויט וויפיל מ'לערנט דארטן. אבער ס'איז קיצור שולחן ערוך, איך האב עס געזאגט. ס'איז נישט געזארגט געווארן וואס מ'האט לייען אין שול, ס'איז דא ספרים.

ניין, איך זאג דיר, דאס איז אוודאי א תקנה, ס'איז אוודאי א חיוב, מ'מוז האבן כדי מ'זאל קענען האבן א תקנה פון די רבנן פון קריאת התורה. אבער ס'איז נישט, מ'איז נישט מקיים די מצוה. ס'איז אנדערש. ס'איז דא אנדערע וואס זאגן אז אוודאי יא.

ניין, אבער קוק, און די ראש אליין זאגט אז ער זאל עס לייגן לקריאה בציבור. אה, ווייל איך ווייס שוין פארוואס. אה, ניין, פארקערט, ער לייגט צו די ספר התורה, "אלא מניחו באוצר לקרוא בו בציבור". די גמרא מפרשים לערנט מען א גאנצע צייט, מ'לערנט עס מער. יא, ניין, פארקערט, די מצוה איז לעצמו, לייגן אין די ציבור איז סתם א מצוה, ס'איז אוודאי, ס'שטייט אין די רמב"ם.

ניין, דער רמב"ם האט געזאגט אז א בית המדרש דארף קויפן א תנ"ך כדי מ'זאל קענען ליינען דערין, אבער דאס איז נישט דער דין פון כתיבת ספר תורה. כתיבת ספר תורה איז א מצוה פרטית אויף א איד, נישט קיין מצוה...

### מצוות כתיבת ספר תורה — הלכות המלך והקשיא אויפ'ן רא"ש

#### קשיא אויפ'ן רא"ש — פארוואס נישט תנ"ך בימי חז"ל?

**Speaker 1:** אבער איך האב טאקע א קשיא. פארוואס האט נישט דער רא"ש געפרעגט א קשיא, אז לויט ווי ער זאגט, פארוואס איז נישט געווען א מצוה אויך בימי חז"ל אז מ'זאל שרייבן תנ"ך? וואס, זיי האבן געוואלט אז ס'זאל בלייבן נ��ר, ס'זאל זיין אין בית המדרש? ווער גייט עס שרייבן אין בית המדרש? אלא מאי, ס'איז געווען א חילוק ווי די בית המדרש האט עס אויסגעפיגערט. פון וואו איז געווען ספרי נביאים וכתובים אין בתי מדרשים צו קענען ליינען די הפטרה? ס'איז געווען, יעדער האט געקויפט אליינס? אה, פאר מפטיר? אויב ס'איז נישט קיין מצוה צו שרייבן, ווער דארף עס באצאלן? די בית המדרש האט א קופה?

**Speaker 2:** יא, יא. אזוי ווי זיי האבן א קופה פאר בענקלעך.

**Speaker 1:** ס'איז נישט קיין מצוה, ס'איז נישטא קיין מצוה ווער ס'זאל עס שרייבן. ס'איז אבער א קשיא אויף די רא"ש, ווייל אויב ס'דארף זיין תנ"ך, איז דאך נישטא קיין מצוה צו שרייבן תנ"ך. פון וואו קומסטו זאגן אז ווייל ס'דארף זיין משניות און גמרא איז א מצוה אז ס'זאל זיין? ער זאגט אז די מצוה איז כדי ללמוד. די מצוה איז נישט צו זיין אין די שול אין די ארון הקודש צו ציילן וויפיל ספר תורות. און אויף תנ"ך איז נישט געווען א מצוה געווען ללמוד בימי חז"ל? בימי חז"ל ווען ס'איז נאכנישט געווען קיין משניות, איז נישט געווען א מצוה ללמוד תורה שבכתב?

ווען דער רא"ש איז מחלק אויף די עצם מצוה פון כתיבת ספר תורה, בימי חז"ל ווען מ'פלעגט לערנען חומש, פלעגט מען עס לערנען פון א ספר תורה. אזוי זעט מען אין די גמרא אפילו. אפשר אויך איז געווען חומשים, אבער אויך האט מען געלערנט פון א ספר תורה אסאך מאל. סאו די מצוה, דאס שטייט אין די גמרא, איז א מצוה. ווען דער רא"ש זאגט מצוה, דער רא"ש שרייבט נישט חומשים און תנ"ך. מ'האט דאך געקענט לערנען פון תנ"ך. און ווען דער רא"ש זאגט אז מ'זאל קויפן א ספר תורה און מ'זאל שרייבן א ספר תורה, רעדט ער אין א וועלט וואו מ'לערנט פון די ספר תורה, נישט מ'לאקט עס אין א וואקס און מ'נעמט עס ארויס איינמאל א יאר. דער איז די טענה פון די רא"ש.

אקעי, די אנדערע זענען מחולק, די ראב"ד זאגט נישט דאס. ס'קען זיין אז די רמב"ם האלט אז ס'איז יא א חיוב צו קויפן אדער שרייבן א ספר תורה בימינו אלה, איך זאג נישט. אבער אקעי, לאמיר גיין ווייטער.

### הלכה ב — מצוות כתיבת ספר תורה פון א מלך

#### די גרונט מצוה פון א מלך

**Speaker 1:** יעצט, חוץ פון דעם וואס יעדער דארף שרייבן א ספר תורה, יא? איז א מלך האט נאך א מצוה. ס'איז א ספעציעלע מצוה פון א מלך. מלך מצווה... ס'איז אינטערעסאנט אז די רמב"ם זאגט **"כל איש מישראל"**, דא זאגט ער **"כל זכר"**. לכאורה איז דאס אויך געבויט אויף די רא"ש'ס סברא אז ס'האט מיט לערנען, און פרויען האבן נישט די מצוה פון תלמוד תורה.

**Speaker 2:** יא, און תלמוד תורה איז נשים פטורות, האבן מיר עס געלערנט.

**Speaker 1:** אקעי. א מלך, יא? **מלך מצווה לכתוב ספר תורה אחר לעצמו לשם המלך, יתר על ספר שהניח לו אביו.** ס'איז אינטערעסאנט, ווייל א מענטש וואלט געקענט טראכטן אז ס'באלאנגט אין הלכות מלכים. אויב איך געדענק, ברענגט עס די רמב"ם אויך אין הלכות מלכים?

**Speaker 2:** ער ברענגט עס נישט?

**Speaker 1:** איך געדענק עפעס אז אין הלכות מלכים ווערט עס דערמאנט. דא זעט עס אויס אזוי ווי ס'איז דא צוויי מצוות כתיבת ספר תורה.

**Speaker 2:** יא, אין הלכות מלכים דערמאנט די רמב"ם נאכאמאל, און ער האט דארט... עקטשולי די זעלבע הלכה, ממש די זעלבע. דאפלט.

**Speaker 1:** זייער אינטערעסאנט. וואו. מ'וועט זען, ממש די זעלבע פרק. דער רמב"ם איז... דער רב האט געזאגט אז מ'קען נישט מדייק זיין פון די רמב"ם. מ'קען נישט מדייק זיין פון די רמב"ם. דער רב האט דאך נעכטן געזאגט אז מ'קען נישט מדייק זיין אין אים. זייער אינטערעסאנט. איך ווייס נישט צו ס'איז דא נאך אזא זאך אז די רמב"ם שרייבט צוויי מאל געהעריג די גאנצע הלכה. פלאי פלאים.

**Speaker 2:** ער לייגט דארט צו א געוויסע פרט?

**Speaker 1:** ניין, ער לייגט נישט צו גארנישט.

#### לשם המלך — די ספעציעלע תורה פון מלכות

**Speaker 1:** לאמיר לעזן. סאו, לאמיר לעזן. **המלך**, אקעי, זייער אינטערעסאנט. **המלך מצווה לכתוב ספר תורה אחר לעצמו לשם המלך.** נאכאמאל, לשם המלך. איך האב שוין געזאגט די סברא. דער מלך דארף שרייבן אן עקסטערע ספר תורה, לשם מלכותו. לשם עצמו. יא, לשם דאס וואס ער איז דער מלך. חוץ פון דעם וואס ער דארף שרייבן א ספר לשם א הדיוט, איך זאג דאס דער טייטש, **יתר על ספר שהוליכו שריד.** ער איז געווען א חרש געווען א מלך, און ביז דעמאלטס איז ער געווען א פשוט'ער מענטש. האט ער דעמאלטס געדארפט זיין א פרומער איד, האט ער געדארפט מקיים זיין די מצוה פון שרייבן א תורה. האט ער שוין געהאט א תורה. אבער ווען ער איז געווארן א מלך, דארף ער זיך שרייבן א נייע תורה. אזוי ווי עס שטייט, **"והוא כשיתו"**, דאס איז די דיוק, **"והוא כשיתו על כסא ממלכתו וגו'"**, ווען ער זעצט זיך אויף די כסא מלכות, שרייבט ער זיך נאך א תורה.

ווייל דאס שטימט דאך נישט, די גמרא גייט דאך אזוי, ס'איז דאך א מצוה אויף יעדער יחיד. וואס שטייט דא? וואס איז ספעציעל ביים מלך? וואס איז דער חילוק? הלמאי דארף ער נאך איינס?

#### הגהה מספר העזרה — פרעזערווירן די מדויק'דיגע מסורה

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם, **מ'איז מגיה אותה מספר העזרה.** מ'איז מגיה מספר העזרה, וואס איז אין בית גנזי המלך. דאס ספר וואס מ'שרייבט איז א גאנצע עסק, אבער מ'איז עס מגיה פון די ספר אין די עזרה פון בית המקדש וואס איז געווען א ספר תורה. מסתמא איז נישט געווען קיין אנדערע אופציע, נישט געווען קיין ברירה, איך ווייס נישט וואס מער.

**Speaker 2:** ניין, איך ווייס נישט.

**Speaker 1:** די פוינט איז אז די ספר איז געווען די ספר, די אריגינעלע ספר, איך מיין, אדער ממש א קאפי פון עזרא הסופר אדער פון משה רבינו, זייער א מדויק'דיגע ספר. די מלך'ס תורה איז געווען מגיה לויט דעם. קען זיין דאס איז די פוינט. אפשר טאקע דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס דער מלך דארף האבן זיין אייגענע תורה, כדי מ'זאל וויסן וואס איז מדויק, צו האלטן די מדויק'דיגע מסורה. און אויך צו פרעזערוועון, דאס איז די וועג וויאזוי מ'האט פרעזערווד די ספר עזרה, וואס איז געווען אזא גודל, ווייל אויב ס'וואלט חלילה געווען א מבול, האבן זיי זיך אלעס מגיה געווען לויט דעם.

**Speaker 2:** יא יא, זייער גוט. ממילא דער מלך נעמט קעיר פון דעם. אזוי ווי דו האסט געזאגט פון דיין ברודער, אז מ'דארף האבן א נייע ספר התורה, ווייל ס'איז א פראקטישע חלק פון מצוות כתיבת ספר תורה.

**Speaker 1:** אבער די ספר עזרה האט מען געשריבן נייע?

**Speaker 2:** לכאורה איז עס געווען די זעלבע, איך ווייס נישט. ביי די אמת, איך מיין, ס'גייט דורך הונדערטער און הונדערטער יארן, ס'קען זיין דאס איז געווען אזוי ווי א וועג פון... יא, מ'איז מגיה די ספרים לויט דעם.

**Speaker 1:** אקעי.

#### וואו לייגט מען די הדיוט-תורה — בית גנזיו

**Speaker 1:** איז אזוי, וואס טוט ער מיט די צוויי ספרים? וואס טוט ער מיט צוויי ספרים? איז די פשוט'ע תורה, די הדיוט תורה זיינע, לייגט ער אריין אין די סטארעדזש, אין בית גנזיו, אין זיין אוצר המלך. **אשר כתב לו**, די וואס זענען אזוי אז די יחידים זאלן נישט ליינען אין דעם, און מען דארף עס דארט אוועקלייגן.

**Speaker 2:** ניין, איך מיין אז ער וויל פשוט זאגן, ניין, אפשר איז עס נישט שמור מיט די קדושה, זאל מען עס נישט אריינלייגן אין עפעס א שול פון שלעכטע מענטשן. ער מיינט נאר צו זאגן אז ער דארף נישט שלעפן זיך מיט יענעם תורה, ער דארף עס נישט נעמען צו זיך. אויף דעם לאט ער עס, אבער ער קען עס נאך מנדב זיין פאר א בית המדרש.

**Speaker 1:** ניין, ניין, ניין, עס מוז זיין זיינס.

#### דיגרעסיע — מנדב א תורה פאר א בית המדרש

**Speaker 2:** ניין, דרך אגב, ווען איינער איז מנדב א תורה פאר א בית המדרש, איז ער נישט יוצא די מצוה פון כתיבת ספר תורה.

**Speaker 1:** ניין, נאר דרך אגב, איך מאך אזוי, פאר די רוב אידן וואס... אקעי, היינטיגע וועג פון די מצוות כתיבת ספר תורה, און די דין פון בני ישראל, און די מקיים...

**Speaker 2:** ניין, ס'איז מקיים אן אנדערע זאך, אז א שול דארף האבן א תורה. ס'איז א שיינע זאך, רוב אידן... מורי ורבי, רבי חיים הערש ראטה, פרעגט יעדן פרייטאג, "מייסטער, איז דא א ספר תורה אין זיין בית המדרש?" ער איז געווען אין זיין בית המדרש, ער האט געפרעגט. ס'איז א שיינע זאך, ס'איז א חשוב'ע זאך. דאס איז זיין הויז. ס'איז אמת אז די עיקר, אדער ס'איז א גרויסער הידור, אדער ס'קען זיין לויט די רמב"ם אז ס'איז עיקר אז די כתיבת ספר תורה האט צו טון מיט לערנען פון דעם. ס'איז דאך נישט קיין שום מצוה פון כתיבת ספר תורה פאר די שול. איך מיין, ס'איז א נתינה פאר די שול.

אבער רוב מענטשן וואס ווילן מקיים זיין די מצוה פון כתיבת ספר תורה, און זיי האבן נישט וואו עס צו לייגן אינדערהיים, לייגן זיי עס אין א שול, אבער זיי געבן עס פאר די שול. רוב מענטשן בכלל, מ'זאגט אזוי, ס'איז מנדב געווען פאר די שול. על פי רוב איז עס נישט אמת אז מ'האט עס מנדב געווען פאר די שול. על פי רוב בארגן זיי עס פאר די שול, מ'לאזט עס דארט. ווייל איינע פון די סיבות איז, חוץ דעם וואס ס'איז טייער א תורה, ער וויל עס נישט אוועקגעבן. ניין, ווייל ער איז נישט יוצא די מצוה. אויב דו געסט עס אוועק פאר די שול א מתנה, ביסטו נישט יוצא די כתיבה דערפון. די כתיבה דערפון מיינט אז דו האסט דיין תורה, דו לאזט עס אין שול, דו לאזט די עולם ליינען דערין, דאס איז א מצוה. דאס איז א משל פון ספרים אחרים. על פי רוב טאקע בארגן זיי עס. איך זאג אויך אזוי. אויך צוליב דעם, ס'באלאנגט צו דיר נאך אלץ, געוועגליך, אסאך מאל, ווענדט זיך ווי די שול שרייבט עס אנדערש. און...

**Speaker 1:** ניין, איך טראכט אז יעדער מענטש וואס האט א תורה לייגט עס אין בית גנזיו. א נארמאלער מענטש וואס האט א תורה, וואו לייגט ער עס? אין עפעס א סטארעדזש?

**Speaker 2:** נישט אין א סטארעדזש. מ'מיינט נישט וואו ער וואוינט נישט. ס'מיינט אז ער לאזט עס אינדערהיים. ער לאזט עס אינדערהיים, ער האט דארט א קליינע שיינע ארון קודש.

**Speaker 1:** זייער גוט, דאס איז די בית גנזיו אויך.

#### "אשר כתב לו" — דער מלך טראגט די תורה מיט אים

**Speaker 1:** די חילוק איז, **"אשר כתב לו"**, **"אשר לו"**, דאס וואס דער מלך האט א תורה, דער מלך טראגט עס מיט, יענער שלעפט עס אים איבעראל ארום. יא, ס'איז אמת אז דער רמב"ם זאגט אונז דא **"אשר נכתב לו"**. אשר נכתב לו.

**Speaker 2:** יא, אבער ער האט נאך נישט געזאגט אז אויב ער קען נישט קען לכאורה איינער שרייבן פאר אים. לכאורה איז עס די זעלבע דין פון די הדיוט.

**Speaker 1:** יא, אבער ער האט נישט געזאגט קלאר. ער האט געזאגט **"ליכתוב לעצמו"**, אבער ער האט יא געזאגט **"לשם המלך"**. ס'איז קען זיין אז לשם המלך האט ער אזוי ווי דער רמב"ם איז געווען מיט דעם, אז אויב א צווייטער שרייבט עס דארף ער עס זאגן לשם המלך. אבער לשם המלך מיינט פשוט אז ער דארף עס קויפן מיט הר המלך. אבער ניין, לכאורה ביי די מלך איז די זעלבע דין, אויב ער שרייבט עס אליין איז עס א מעלה, אויב ער קען נישט נעמט ער איינעם וכדומה.

#### "והיתה עמו" — די תורה אין אלע מלכות'דיגע זיטואציעס

**Speaker 1:** און וואס טוט ער? **"עמו"**, ס'איז דא מיט אים תמיד. **"בצאתו למלחמה ספר תורה זה עמו"**, ווי ס'שטייט אזוי אין פסוק אז די ספר תורה מיט די יודן גייט ארויס מיט די מחנה למלחמה. ס'שטייט אויף די ארון, דאס קומט פון דעם פסוק. **"נכנס ויושב בדין והיא עמו"**. נכנס, וואו איז ער נכנס? ער קומט אריין צום פאלק, צום זאל פון קבלת קהל, והיא עמו. דאס איז זיין אפישעל חלק פון די מלכות'דיגע אריינוואקן. א מלכות'דיגע זאך, איך טראכט אז ס'איז אסאך מער פאווערפול ווי א רבי וואס ער וואקט מיט א ספר תורה. א געוואלדיגע זאך. **"נכנס והיא עמו, יושב בדין והיא עמו"**. די רבי'ס פילן זיך טאקע אז ווען זיי האבן זייערע קליינע תורה'לעך, אז זיי זיצן בדין, איז דאן מענטשן שטעלן זיך אסאך מער ערנסט אז די תורה איז ווען די דריי דיינים זיצן מיט די ספר תורה אויף זייערע הענט.

ניין, די מלך. די מלך דארף זיצן אויף זיין כסא המלכות והיא כנגדו. אבער דעמאלטס האלט ער עס נישט אויף זיך. ער וויל זיך אנלאנען, ער וויל זיך קענען... ער עסט, ער מאכט זיך אן עסט א סעודה, ער לייגט עס אראפ. אראפ לעבן זיך, אבער ס'איז נאך אלץ דארט. דאס איז לכאורה ענליך וואס מ'האט געלערנט ביי תפילין, אז מ'עסט נישט מיט די תפילין, מ'לייגט עס אראפ כנגדו. דו געדענקסט אזא לשון?

**Speaker 2:** דו מיינסט אז ס'איז די זעלבע אידיע?

**Speaker 1:** ס'איז זייער אינטערעסאנט, ווייל איך טראכט אזוי ווי א חלק פון די מצב, ווען אן אמעריקאנער פרעזידענט קומט אן אויף א פלאץ, איז זייער א גרויסע צערעמאניע זאך. ניין, מער ווי דעם, ער קומט מיט אזא סוטקעיס וואס ס'שטייט דארטן קאודס, וואס ס'איז דא דארטן וויכטיגע דאקומענטן. אז ווי דער מלך קומט, קומט מיט אים די ספר תורה. און לכאורה די פשוט'ע פשט איז אז למשל ער איז יושב בדין, ער דארף וויסן וואס די הלכה איז, ער גייט אריין א מאכל על פי תורה, און ער זעט וואס די הלכה איז, ער טוט נישט גארנישט שלא על פי תורה. דאס איז דער פוינט, **"וקרא בו"**, ער זאל לערנען, ער זאל וויסן וואס צו טון, און ער זאל וויסן וויאזוי צו פירן די מלכות. שנאמר, **"והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו"**, אזוי קען ער עס אייביג עפענען. און דאס איז דער פשט **"והיתה עמו"**, לעבן ממש ליטעראלי, ס'דארף זיין מיט אים, ער שלעפט זיך דערמיט א גאנצע צייט. אפשר טראגט ער עס לויט די ראש, לויט די ראש מיינט אזא...

#### הלכות ספר תורה פון דעם מלך און דיני כתיבה

#### הלכה ב: דער ספר תורה פון דעם מלך — "והיתה עמו"

**Speaker 1:**

ווי דער מלך קומט, קומט אים דער ספר תורה.

לכאורה פשוט פשט איז אז למשל ער איז יושב בדין, ער דארף וויסן וואס די הלכה איז, ער גייט אריין אין א מלחמה על פי התורה, ער זעט וואס די הלכה איז, ער טוט נישט גארנישט שלא על פי התורה. פאר דעם איז דאך דער פוינט, **"וקרא בו"**, ער זאל עס לערנען, ער זאל וויסן וואס צו טון, וויאזוי צו פירן די מלכות. שנאמר, זיי גוט, שנאמר **"והיתה עמו וקרא בו כל ימי חייו"**, אזוי קען ער עס תיכף עפענען. און דער לשון "והיתה עמו" לערנט מען ממש ליטעראלי, ס'דארף זיין מיט אים, ער שלעפט זיך דערמיט א גאנצע צייט.

#### דער ראַ"ש'ס שיטה: דער מלך דארף מיטשלעפן כל התורה כולה

אפשר דארף מען טראכטן, לויט דער רא"ש מיינט עס אז א מלך דארף מיטשלעפן מיט זיך כל התורה כולה. ווייל דער רא"ש זאגט אז "סתם ספר תורה" איז דאך אריינגערעכנט אלע ספרים, אלע פוסקים. סאו דער מלך דארף זיכער האבן אן אוצר החכמה מיט א סיסטעם וואס ער קען א גאנצע צייט נאכקוקן כל התורה כולה. אויך, אז דער היינטיגער מלך דארף דאך נישט נאר קוקן וואס שטייט אין די תורה, אויב ער וויל מאכן א מלחמה, ער דארף פרעגן וואס דער חזון איש זאגט, וואס דער שר הביטחון זאגט. סאו דארף ער האבן א גאנצע אוצר החכמה מיט זיך א גאנצע צייט, לויט דער רא"ש וואס איז פשט.

#### דער רמב"ם'ס ערשטע בליק פון א מלך ישראל

נא, לכאורה דער רמב"ם, איך הער, ס'איז אינטערעסאנט. ס'איז זייער אינטערעסאנט. ס'איז ממש א פלא, קוק אין הלכות מלכים, מלחמות, פרק ג' הלכה א', שטייט ממש די זעלבע הלכה, די זעלבע סעיף שטייט דארט מלך במלך. יא, קוק, איך ווייס דא, ס'איז די ערשטע מאל וואס דער רמב"ם גיבט אונז א שטיקל דיסקריפשאן ווער דער מלך איז. אויטאמאטיש באקומען מיר אונז די ערשטע בליק פון א מלך ישראל אלס א גדול, על דעתך ביודע, יושב בדין, ער זיצט זיך אריין אין די תורה און ער גייט ארויס אין מלחמה. נישט מער, איך וויל א מלך, אבער א מלך וואס איז א חכם, א מלך חכם וואס זיצט בדין און ער קוקט אין די ספר תורה.

#### דיגרעסיע: דער מלך אלס שופט — "יושב ודן"

## :Speaker 2

ס'איז א חכם, יא? ס'איז אביסל מאדנע, ווייל... ניין, נישט מסכים. ווייל דו ווייסט אין תנ"ך...

## :Speaker 1

לאמיך דיר פארציילן. אין תנ"ך שטייט, און מ'זעט כמה פעמים **"וישב דוד להושיב את עמו למשפט"**, אויך ביי שלמה המלך שטייט דאך "חכמתו", ער איז געקומען... דער מלך איז א שופט. ס'זעט אויס אז דער מלך איז געווען א שופט אריגינעל. ס'איז זייער מאדנע, ווייל אין מסכת סנהדרין שטייט **"מלך לא דן ולא דנין אותו"**. אז א מלך, אפשר רעדט זיך עס פון א מלך ישראל, מ'דארף קוקן אין די גמרא דארט, א מלך בית דוד יא. ס'ווענדט זיך אויב ער איז א צדיק. ס'איז היינט א טייטש, לאזט מען נישט דעם מלך זיין א דיין. אבער "יושב ודן" טראכט איך אז ס'איז מער אזוי ווי דוד המלך'ס "יושב ומלכלך", ער זיצט און דן'ט ארץ ישראל. דן מיינט זיין דן ארץ ישראל. זייער גוט. אבער דן על פי דין התורה מיינט אז ער איז נישט קיין דיין אין א בית דין.

אבער מ'זעט יא אין תנ"ך אז דער דזשאב פון א מלך איז צו שופט'ן זיין. ס'קען זיין אז ער איז דער, אזוי ווי די סופרים קארט, אין די ענדע גייט מען צום מלך ער זאל העלפן. דארף מען דא קוקן אין הלכות מלכים, ס'שטייט נישט לכאורה דאס אז דער מלך איז יושב ודן. אבער דאס איז שווער, ווייל ס'איז דאך דא א הלכה פון א מצוה פון מאכן שופטים בישראל. אויב ס'איז דא שופטים, וויאזוי קען דער מלך? ס'דארף זיין א געוויסע סעפערעישאן, דער מלך האט איין סארט מלכות, און דער שופט טוט זיין זאך. אזוי זאגט דער רמב"ם, דער רמב"ם זאגט אזוי אין הלכות מלכים. סאו ס'שטימט נישט אזוי גוט מיט דעם "יושב ודן".

אבער עניוועיס, אפשר קען זיין "יושב ודן" מיינט נישט דווקא דין תורה. ס'קען זיין ער מיינט אזוי ווי ער זיצט ביי זיינע ישיבות, ער מאכט א דיון מיט די קאבינעט, די קאבינעט שטעלט זיך צו אים. קען אויך זיין. ער וועט מיט'ן קאבינעט, קען ער נעמען די מלך א ספר תורה, און ער קוקט וואס שטייט אין די תורה, מ'טוט אזוי, מ'טוט אזוי.

#### פארוואס דארף דער מלך די גאנצע תורה?

אקעי, דא האבן מיר שוין געלערנט. לא תאמר, ווייל אויב ס'איז נאר אין עניני מלחמה, אקעי, איי קען איך אויסנעמען נאר די תורה פרשיות פרשיות. ווייל למשל ער דארף נאכקוקן די הלכה פון כריתת שלום, אלע דיני מלחמה. זייער גוט, ער דארף אראפברענגען די גאנצע תורה. ער דארף אראפברענגען די גאנצע תורה. דער מלך דארף אפילו פון פרשת בראשית קען מען זיך לערנען וואס צו טון מיט א מלחמה. ס'איז נישט אמת. און פון יוסף קען ער זיך אויסלערנען וועגן טעקסעס, וויפיל פראצענט ס'דארף זיין. יא, ס'איז אלעמאל דא אין די תורה זאכן וואס צו לערנען.

#### הלכה ג: צוויי ספרי תורות פאר דעם מלך

אקעי. אונז האבן געלערנט אז א מלך דארף מאכן א שרייבן אן אייגענע תורה, **"כדי שלא תהא אסיפת אבותיו"**, אז ס'זאל נישט זיין געווען א פאדער'ס. יעצט פרעג איך אן אנדערע שאלה: וואס טוט זיך אויב דער מלך איז געווארן מלך נאך פאר ער איז זוכה געווען צו שרייבן די מצוה פון די הדיוט ספר תורה? דארף ער שרייבן אן עקסטרע? אה, זאגט דער רמב"ם, **"מלך כותב ספר תורה אחד לעצמו קודם שיתמלך"**. סאו די פריערדיגע האט ער שוין איינס געהאט. ס'הייסט, אדער איז ער געווארן א מלך וועןער איז שוין געווען א בעיבי, אדער איז ער נישט געווען א הדיוט. דעמאלטס, **"צריך לכתוב אחר שנתמלך שני ספרי תורות"**. אז דו זאלסט נישט מיינען אז יעצט איז ער א מלך דארף ער, דאס וואס מ'האט געזאגט אז א מלך דארף שרייבן, א מלך דארף שרייבן, אבער ער האט שוין. אבער דא זעט מען אז ניין, ער דארף שרייבן צוויי תורות.

#### דיסקוסיע: פארוואס צוויי נייע ספרי תורות?

## :Speaker 2

איך וואלט געזאגט פארוואס, ווייל פריער איז געשטאנען אז מען שרייבט לשם המלך, נישט לשם יאנקל. דו דארפסט איין ספר תורה לשם יאנקל.

## :Speaker 1

ס'איז א חילוק, אבער ער איז שוין דער מלך, ביידע זענען לשם המלך.

## :Speaker 2

ניין, איך זאג, יעצט דארפסטו האבן לשם יאנקל. ווייל דיר איז א סינגל, דיר איז אן אינדיווידזשועל וואס לייגט עס אוועק.

## :Speaker 1

די פוינט איז, ס'איז נישט די זעלבע זאך ווי ביי הלכה. איך מיין אזוי. איך זאג אזוי, ער דארף האבן איינס פאר זיך אליין, איינס פאר בית גנזיו, פאר זיין ספר תורה. **אחת לו ואחת לבית גנזיו. והשני יהיה עמו.** און דא לייגט דער רמב"ם צו אביסל מער הלכות וועגן די שני. **לא יסור ממנו אלא בלילה, או בנחת כשהוא נכנס לבית הכסא או לבית המרחץ.** דאס איז לכאורה די זעלבע זאך ווי בלילה, ניין?

ס'איז מאדנע אביסל. ס'איז אביסל פאר מיר, ווייל ער האט שוין פריער געזאגט וואס ער טוט מיט עס. ס'איז נישט קלאר. ס'איז זייער מאדנע, די רמב"ם, די הלכות זענען דאפלט. ס'שטייט דריי מאל, צוויי מאל, דא און נאכאמאל אין הלכות מלכים די זעלבע זאך.

#### וויאזוי טראגט דער מלך דעם ספר תורה?

דער רמב"ם זאגט אונז נישט וויאזוי ער דארף עס האלטן אזוי ווי, ווייל למשל ביי תפילין איז געשטאנען מ'טאר עס נישט אויפהענגען א געוויסע וועג. ס'איז א גאנצע עבודה. אה, וויאזוי דער מלך האלט עס? איך האב אסאך מאל געהאט א געדאנק אזוי ווי ס'איז א קייטל וואס הענגט פון אים. איך ווייס נישט אויב מ'קען. ס'איז דא אנדערע אזעלכע סמנים, אזוי ווי דער

חושן ואפוד ליגט, איז דא אזא סארט געדאנק אז דארטן ליגט די ספר תורה. אבער ס'שטייט נישט וויאזוי ער טראגט עס. שפעטער גייען מיר לכאורה זען הלכות וויאזוי מ'דארף טראגן א תורה, אדער איך געדענק נישט אויב ס'שטייט ממש כבוד התורה. אבער דער מלך, וויאזוי ער שלעפט זיך ארום דערמיט? איך ווייס נישט. אפשר ברענגען זיי דא פון אונטן וויאזוי ער שלעפט זיך ארום דערמיט? ס'איז א מופת, ער קען עס נישט האלטן א גאנצע צייט. **יוצא למלחמה והיא עמו**. ס'שטייט נישט דא וויאזוי ס'גייט פונקטליך.

אקעי, לאמיר גיין ווייטער. ווייטער, יא.

**הלכה ד: דיני כתיבת ספר תורה — "נאה ביותר"**

אזוי, ספר תורה ש... עד כאן איז דאס האבן מיר געלערנט אז מ'דארף שרייבן א ספר תורה, נאך א ספר תורה. יעצט גייט ער אונז זאגן וויאזוי מ'דארף עס שרייבן.

**ספר תורה שכותבין למלך**... און ס'איז געשריבן אן קיין ליינס, אן קיין... מ'קען מאכן א גראדע ליין פארדעם, און ס'איז געשריבן אויף די ליין. **"או שכתבו מקצתו על הגויל ומקצתו על הקלף"** — האבן מיר געלערנט אז גויל איז איין פארט פון די קלף. מ'האט געלערנט אנשטאט איין שיינע פארמעט, די גאנצע צייט האט מען געמישט צווישן סארטן פארמעט. **"פסול, לפי שאינו נאה"**. לכאורהביידע איז נישט שיין. **"אלא עיקרו על הגויל ועיקרו על הקלף"** — אזוי ווי אונז האבן פריער געלערנט וואס גויל און קלף זענען, אנדערע חלקים פון די הויט. זאגט דער רמב"ם, **"כותב ספר תורה"**. זאגט דער רמב"ם, די ערשטע זאך איז **"כותב כתיבה מסוכנת נאה ביותר"**. אפשר דאס איז דער כלל פון די אלע הלכות וואס גייען דא זיין?

**וואס מיינט "נאה ביותר"?**

## Speaker 2:

"נאה ביותר" מיינט די בעסטע וואס דו קענסט. ווייל נישט די בעסטע פון יעדעם, ווייל נישט יעדער איינער קען שרייבן די בעסטע פון יעדעם.

## Speaker 1:

ניין, מ'דארף שרייבן די בעסטע פון יעדעם.

## Speaker 2:

ניין, ניין, ניין. א כלל אין לעבן, רבותי, איז נישט אזוי ווי ר' יצחק זאגט. די הלכה איז, "נאה ביותר" מיינט די בעסטע וואס דו קענסט. אזוי ווי מ'זאגט היינט אין 2026, "you're doing your best", דאס איז "נאה ביותר". ווייל ס'קען נישט זיין, יעדער איינער קען זיין "נאה ביותר". ווייל דו ווילסט נישט א קאמפעטישן אז יעדער איינער וויל "נאה ביותר".

## Speaker 1:

"נאה ביותר" — די בעסטע וואס דו קענסט. יא. "נאה ביותר" מיינט נישט "היותר נאה", רייט? "נאה ביותר" מיינט זייער שיין, דאס איז אלעס. רייט. שטרענג דיך אן צו שרייבן זייער מסודר און זייער שיין. דאס איז וואס ער זאגט, ס'איז א מצוה אויף יעדער איד, שרייב דיין בעסטע.

**חקירה: שרייבן אליין אדער קויפן א שענערע?**

ס'קען אויך זיין, דאס איז מיין ברודער'ס דאכט זיך א חקירה, אז טאמער א מענטש קען שרייבן, אבער ער וועט שרייבן מעסי, ס'וועט נישט זיין אזוי שיין, ער איז נישט אזא מומחה. אבער ער קען קויפן א שיינע. וואס זאל ער טון? ער זאל שרייבן אליינס שוואך, אז ער זאל מקיים זיין די ענין פון "כתבו לכם", אדער ער זאל נעמען יענעמ'ס וואס איז שענער? די הלכה איז אז ס'דארף זיין "נאה ביותר". "זה אלי ואנוהו" איז א... אייביג דארף זיין "נאה ביותר". די אתרוג דארף אויך זיין "נאה ביותר". אבער די מצוה פון די עצם מצוה איז שרייבן. בטח. "זה אלי ואנוהו" איז נאר א הידור. מ'האט געלערנט אז ס'איז נאר א מהלל אין די מצוה. אבער דער רמב"ם זאגט אז אויב ס'איז נישט "נאה ביותר" איז עס פסול. איך ווייס נישט.

איך טראכט אויך אז דאס איז א כלל פאר אלע הלכות וואס גייען זיין. אלע הלכות וואס מ'גייט לערנען זענען בעיסיקלי דיוקים, פרטים אין וויאזוי ס'דארף זיין "נאה ביותר". ס'איז אויך אלעס סירקולער, ווייל אויב א ספר תורה איז עפעס וואס דו גייסט ליינען, און איז דיין כתב פערפעקט פאר דיר, שרייב עס אויף דיין שענסטע. ווייל אז דו שרייבסט עס אז דו זאלסט עס קענען זאג איך דיר, איך קען נישט. אבער אז דו גייסט ליינען, דו גייסט זיין דער "מעין ליינער", שטרענג דיך אן און שרייב די שענסטע וואס דו קענסט, "עט ליעסט" אז דו זאלסט קענען גוט ליינען.

## Speaker 2:

איך גיי נישט צאלן פאר א צווייטן ער זאל שרייבן בעסער פון מיר. פארוואס זאל איך נישט זיין? ס'איז דאך געשמאקער פאר מיר.

## Speaker 1:

אבער דער פוינט איז נישט אז ס'איז א לאנדא'ס מענטש, דער פוינט איז אז דו זאלסט עס ליינען, און אין דיין שריפט ביסטו "פערפעקט" גוט, איך קען עס נישט ליינען בעסער.

## Speaker 2:

פארוואס זאגסטו אזוי? פאר מיר איז אויך בעסער יענער זאל שרייבן. קינדער האבן ליב, מענטשן האבן ליב וואס זיי האבן אליינס געמאכט. ס'איז עפעס א מעלה, אבער איך ווייס נישט.

**וואס מיינט "כתב בית יוסף"?**

## Speaker 1:

אקעי. איך ווייס נישט, "בנוי בית יוסף" מיינט אז די שריפט זאל זיין נייט. איך מיין אז ס'מיינט מער אזוויי סארטן שריפט, אזוויי סארטן הלכה סטייל. דו זאלסט שרייבן די שענסטע סטייל.

## Speaker 2:

אדער נעמען די שענסטע "פאנט". אזוויי ער האט געזאגט, נעמען די שענסטע "פאנט" וואס איז דא, און שרייב יענער. אזוי וואלט איך געטראכט אפשר.

## Speaker 1:

ניין, דער רמב"ם האט סתם געהאט אין געדאנק די אותיות וויאזוי מען שרייבט עס, וואס דער רמב"ם האט געקענט.

## Speaker 2:

איך ווייס נישט, לאו דווקא. אפשר רעדט ער וועגן די הלכות וואס ער גייט יעצט זאגן, מ'זאל עס שרייבן מיט יו"י, מיט די הלכות.

## Speaker 1:

אבער דער רמב"ם האט אויך גערעכנט אין געדאנק אז דו גייסט קוקן אין א ספר תורה און זען וויאזוי ס'שטייט, אדער דו גייסט רעדן מיט א סופר. ער רעדט נישט אזוי ווי א איד טרעפט זיך אין די... ער גייט נישט שרייבן א ספר. ער שרייבט דאך נישט פאר זיין "מעמארי", ער נעמט און שרייבט דאך נישט פון א ספר.

## Speaker 2:

יא, אבער וואס א ספר איז געשריבן פון א ספר. און דער רמב"ם, כתב בית יוסף, ער קען נישט מיינען אז ס'מיינט א געוויסע שריפט. ווייל דער רמב"ם רעכנט אז דו ווייסט פון וועלכע שריפט מ'רעדט, ווייל דו האסט א ספר תורה און איך האב א ספר תורה.

## Speaker 1:

ניין, אבער אפילו מענטשן האבן נישט געשריבן גוט. מענטשן האבן נישט געקענט, ער מאכט עפעס א מאדנע שריפט וואס איז נישט אזוי שיין, אדער ער נוצט נישט די ריכטיגע סארט טינט. איך ווייס נישט וואס ס'קען זיין.

**הלכות ספעיסינג און שורות-לענג**

אקעי. זאגט ער ווייטער, זאגט דער רמב"ם: **"יניח בין כל תיבה ותיבה כמלא אות קטנה"**. צווישן יעדע צוויי ווערטער דארף זיין "ספעיס" אזוויי א קליינע אות.

**"ובין כל שיטה ושיטה"** — צווישן יעדע שורה, ס'קען נישט זיין די שורות זאלן זיין איינס אונטער די צווייטע. צווישן יעדע שורות דארף זיין א "ספעיס" א שורה.

**"ואורך כל שיטה ושיטה"** — ווי לאנג זאל זיין יעדע שורה? ס'זאל נישט זיין קיין קורצע שורות, נאר ס'זאל זיין די לענג פון שלשים אותיות. **"כדי לכתוב"**, זאגט דער רמב"ם א סימן, אדער א וועג פון דאס קענען דאס אויסרעכענען אין קלארע ווערטער, זאגט ער אז ס'איז למשפחותיכם, וואס דאס איז איינע פון די לענגסטע ווערטער אין די תורה, דריי מאל למשפחותיכם, **שלש פעמים**, ס'איז א ניין מאל למשפחותיכם.

**Speaker 2:**

ניין, נאכאמאל, דרייסיג. דאס איז שוין דרייסיג אותיות.

**Speaker 1:**

אה, די ווארט למשפחותיכם שלש פעמים. יא. יא, דרייסיג אותיות, ס'איז דא צען אותיות אין איטש. יא. ער שרייבט עס דריי מאל, באט ער מיינט נישט דריי מאל דריי, רייט?

### הלכות כתיבת ספר תורה – רוחב השורה, סוף הדף, ואותיות משונות

#### רוחב השורה – בין קצר לארוך

**Speaker 1:** לכאורה אויך איז וויל... יא, באט לכאורה די ווארט איז... ניין, ווייסטו נאך וויאזוי ס'לערנט? די ווארט איז אז סתם אותיות זענען קירצער, סתם אותיות זענען ברייטער... דאס איז א גוטע אזוי מיש פון ווערטער, די איידיע פון צען און דרייסיג אותיות.

די רוחב פון א גליון הדף. יא. דאס איז דער רמב"ם, איז דער רמב"ם מסביר פארוואס? **"ולא תהא שורה קצרה מזה, כדי שלא יראה הדף כאגרת"**. א בריוו שרייבט מען געווענליך אויף א שמאלע שטיקל פעיפער, און מ'שרייבט א בריוו. דא דארף עס זיין געשריבן, ס'זעט אויס א ספר קומט צו ווערן געשריבן אין ברייטע שורות. אז נישט זעט עס אויס ווי א איגרת, ווי א פליטה, וואס ס'זעט אויס וויניגער סיריעס.

אבער זאגט דער רמב"ם, **"ולא ארוך"**, אבער ס'קען אויך נישט זיין לענגערע שורות פון דעם. פארוואס? ווייל ס'איז זייער לאנגע שורות, איז דאס גרינג פאר א מענטש צו פארבלאנדזשען, צו פארלירן וואו ער האלט. **"כדי שלא יהיו עיניו משוטטות מקצה השורה לקצה השורה"**. זיינע אויגן זאלן נישט גיין שפאצירן. ס'איז א שיינע לשון, ווי אזוי א מענטש ווערט... א בעל קורא האט דאס אסאך מאל, ער טרעפט נישט וואו ער האלט. זיינע אויגן שפאצירן און זוכן וואו ער האלט.

**Speaker 2:** אה, גוט. שטעל דיך פאר ס'זאל געווען ברייטער נאך, וואלט ער זיך געוואטשעט.

#### אויסרעכענען די ספעיסעס און פרשיות

**Speaker 1:** וואס זאגט דער רמב"ם ווייטער? אקעי. אונז גייען באלד לערנען אז מ'דארף מאכן פרשיות אמאל, צו א ספעיס אינמיטן א ליין אדער צווישן צוויי ליינס. זאגט דער רמב"ם, אז דאס איז גוט אויסצורעכענען, די ספעיס דארפסטו גוט אויסרעכענען, אז ס'זאל נישט געשען אז דו טרעפסט דיך ביים ענד פון א פרשה און דו דארפסט מאכן א רווח, און דו האלטסט שוין נישט אויף די פעידזש אדער וואס, דו האסט נישט קיין פלאץ. וועסטו דארפן מאכן קורצערע, קלענערע אותיות, און מ'קען נישט מאכן קלענערע כתב. צו געבן פרשת ראה ביים בארזשען די פרשה.

**Speaker 2:** אהה, זייער גוט. ווייל דאס איז עכט די... דאס זענען די ווערטער, האלט די כתב די זעלבע סייז, אבער פיגער אויס אז ס'זאל זיין פלאץ. יא? סטאפ סטאם א מינוט.

**Speaker 1:** יא, ער לערנט אונז יעצט ווי אזוי מ'דארף מאכן די אותיות זאל נישט ווערן צו קוועטשט אדער צו פעט, ס'וועט אויך אגלי. פשוט. נאכדעם מאכט ער...

#### דין צוטיילן א ווארט – חוץ לדף

**Speaker 1:** א לאנגע ווארט זאל מען נישט צוטיילן די ווארט אין צוויי.

